**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/30/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער קעטי האקול מעלדט 350 מיליאן דאלער אין דירעקטע פינאנציעלע הילף פאר נידריג - און מיטל-אינקאם פאמיליעס לענגאויס ניו יארק**

***איבער 1 מיליאן פאמיליעס וועלן באקומען א צוגעגעבענע באצאלונג פון מערסטנס $330 פאר יעדע קינד דורך די עמפייער סטעיט טשיילד קרעדיט***

***2.6 ביליאן דאלער איבערגעגעבן פאר ניו יארקער אין צוגעגעבענע באצאלונגען זינט 2022***

***גאווערנער האקול האט לעצטנס פארגרינגערט זיך איינצוגעבן פאר שטאטישע פראגראם וואס דעקט 90% פון די מארקעט ראטע טשיילד רעיט קאסטן***

***האלט ווייטער אן גאווערנער'ס דגש אויף אדרעסירן די קאסטן פון לעבן***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן אז ניו יארק סטעיט גיבט בערך 350 מיליאן דאלער אין צוגעגעבענע באצאלונגען פאר נידריגע- און מיטל-אינקאם פאמיליעס לענגאויס די שטאט דורך די עמפייער סטעיט טשיילד קרעדיט פראגראם. איבער 1 מיליאן פאמיליעס וועלן באקומען די פינאנציעלע הילף און זיך דארפן איינגעבן, ווייל יעדע בארעכטיגטע פאמיליע וועט באקומען א דירעקטע באצאלונג פון מערסטנס $330 פאר יעדע קינד. דאס זענען גאווערנער האקול'ס אנגייענדע באמיאונגען צו אדרעסירן די קאסטן פון לעבן פאר ניו יארקער וואס ארבעטן, אריינגערעכנט 2.6 ביליאן דאלער אין צוגעגעבענע באצאלונגען און סעיווינגס איבערגעגעבן פאר שטייער-צאלער זינט 2022, ווי אויך גאווערנער האקול'ס לעצטיגע מעלדונג פון א דידשיטאלע פארטעל צו העלפן מערן ניו יארקער באקומען פינאנציעלע הילף צו דעקן טשיילד קעיר קאסטן.

"מיר לייגן צוריק געלט אין די טאשן פון איבער א מיליאן ניו יארקער ווייל די אדמיניסטראציע גיבט פאר פאמיליעס וואס ארבעטן," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אונזער ארבעט איז ווייט פון פארטיג. פון אויסברייטערן שטייער קרעדיטס ביז פארמערן צוטריט צו טשיילד קעיר הילף, וועל איך קיינמאל נישט אויפהערן קעמפן צו אדרעסירן די קאסטן פון לעבן פאר עלטערן וואס ארבעטן און זיי העלפן שאפן א לעכטיגערע צוקומפט פאר זייערע קינדער."

די עמפייער סטעיט טשיילד קרעדיט איז א שטייער קרעדיט וואס מען קען צוריקבאקומען פאר אינקאם-קוואליפיצירטע ניו יארקער מיט קינדער. אין 2023, האט גאווערנער האקול און די סטעיט לעגיסלאטור אויסגעברייטערט די עמפייער סטעיט טשיילד קרעדיט אריינצונעמען קינדער אונטער פיר יאר אלט, זייענדיג גינסטיג פאר נאך אומגעפער 600,000 קינדער א יאר. פריער דעם יאר, האבן די איבער 1 מיליאן פאמיליעס וואס זענען בארעכטיגט פאר די עמפייער סטעיט טשיילד קרעדיט אנגעהויבן באקומען הונדערטער מיליאנען דאלארן אין שטייער קרעדיטס באזירט אויף זייער 2023 שטייער פיילינג.

די היינטיגע מעלדונג וועט איבערגעבן א צוגעגעבענע באצאלונג פאר די בארעכטיגטע פאמיליעס, אין צוגאב צו די 2023 שטייער קרעדיט וואס זיי האבן שוין באקומען. צוגעגעבענע באצאלונגען לויפן צווישן 25 פראצענט און 100

פראצענט פון די צאל וואס א שטייער-צאלער'ס עמפייער סטעיט טשיילד קעיר האט באקומען פאר שטייער יאר 2023. די פראצענט ווענדט זיך אויף די אינקאם. מער אינפארמאציע איז [פארעפנטליכט דא](https://www.ny.gov).

בארעכטיגטע שטייער-צאלער דארפן גארנישט טון צו באקומען די איין-מאליגע צוגעגעבענע באצאלונג. שטייער-צאלער וואס האבן באקומען אן עמפייער סטעיט טשיילד קרעדיט פון כאטש $100 אויף זייער 2023 שטאטישע טעקס ריטוירנס וועלן באקומען א טשעק אויף פאסט. די שטייער דעפארטמענט וועט אנהייבן ארויסשיקן טשעקס אויף פאסט אין די ערשטע וואך פון אוגוסט און וועט אנהאלטן פאר מערערע וואכן.

די עמפייער סטעיט טשיילד קעיר צוגעגעבענע באצאלונגען זענען די רעזאלטאטן פון אן אפמאך צו וואס מען איז צוגעקומען פריער דעם יאר צווישן גאווערנער האקול, סענעט מערהייט פירער אנדריע סטאווערט-קוזינס און אסעמבלי ספיקער קארל היסטי און איז דורכגעפירט געווארן דורך די סטעיט לעגיסלאטור.

**סטעיט סענעט מערהייט פירער אנדריע סטאווערט-קוזינס האט געזאגט,** "אפארדעביליטי פאר ניו יארקער איז געווען א גרויסע דגש אין די ליגיסלאטיווע סעסיע. איך בין שטאלץ אז אונטער מיין פירערשאפט האט די סענעט מערהייט שטאלצערהייט געקעמפט צו מאכן טשיילדקעיר מער צוגענגליך פאר ארבעטנדע פאמיליעס, אריינרעכענענדיג פארברייטערן די טשיילדקעיר הילפס פראגראם צו פארברייטערן אינקאם בארעכטיגונג, מאכנדיג מער פאמיליעס בארעכטיגט פאר די פראגראם און שטיצנדיג פאמיליעס מיט די גרעסטע געברויך. די איין-מאליגע צוגעגעבענע באצאלונגען אונטער די עמפייער סטעיט טשיילד שטייער קרעדיט פראגראם וועט טוישן די לעבן פון פאמיליעס לענגאויס אונזער שטאט, און קומט אן ביי אזא וויכטיגע צייט ווען אזויפיל פלאגן זיך מיט די הויכע קאסטן פון לעבן. איך וואלט געוואלט באדאנקען גאווערנער האקול און ספיקער היסטי פאר זייער צוזאמענארבעט אין דאס מאכן פאסירן פאר ניו יארק פאמיליעס אין דאס יאר'ס בודשעט."

**אסעמבלי ספיקער קארל היסטי האט געזאגט,** "די צוגעגעבענע קרעדיט וועט געבן אזוי געדארפטע בארואיגונג פאר 1 מיליאן פאמיליעס לענגאויס אונזער סטעיט דורכ'ן אריינלייגן געלט דירעקט צוריק אין זייערע טאשן. די אסעמבלי מערהייט פירער איז אנטשלאסן צו מאכן אונזער סטעיט א מער אפארדעבל פלאץ אויפצוהאדעווען א פאמיליע, און זיי געבן מער פינאנציעלע רואיגקייט איז א וויכטיגע טייל דערפון. מיר וועלן ווייטער ארבעטן מיט אונזערע קאלעגעס אין די סענעט און מיט די גאווערנער צו לייגן ניו יארק פאמיליעס ערשט."

**איבערגעבן פינאנציעלע מנוחה פאר ניו יארקער וואס ארבעטן**

גאווערנער האקול און די סטעיט לעגיסלאטור האבן איבערגעגעבן אן אומשאצבארע דרגה פון פינאנציעלע שטיצע פאר נידריג- און מיטל-אינקאם ניו יארקער איבער די לעצטע צוויי יאר. איבער 2.6 ביליאן דאלער איז געגעבן געווארן דורך צוגעגעבענע באצאלונגען און סעיווינגס פראגראמען פאר מיליאנען ניו יארק שטייער-צאלער זינט 2022.

דאס שליסט איין די 2022 היים אייגנטומער שטייער אראפרעכענונג קרעדיט, די 2022 צוגעגעבענע פארדינטע אינקאם שטייער קרעדיט און עמפייער סטעיט טשיילד קרעדיט באצאלונגען, דאס אז מען האט אפגעשטופט די 2022 גאז שטייער, די 2023 איסברייטערונג פון די עמפייער סטעיט טשיילד קרעדיט און די מערסט לעצטיגע רונדע פון עמפייער סטעיט טשיילד קרעדיט צוגעגעבענע באצאלונג וואס מען האט געמאלדן היינט.

**העלפן מער פאמיליעס וואס ארבעטן באצאלן פאר טשיילד קעיר**

גאווארנער קעטי האקול האט לעצטנס אנגעהויבן [ny.gov/childcare](https://ny.gov/childcare) - א דיגיטאלע פארטאל צו העלפן מאכן אומזיסטע אדער ביליגע טשיילד קעיר מער ערמעגליכט דורכאויס די סטעיט פאר בארעכטיגטע פאמיליעס דורך ניו יארק סטעיט'ס טשיילד קעיר הילפס פראגראם (CCAP). די נייע איניציאטיוו פאלגט נאך א היסטארישע 1.8 ביליאן דאלאר סטעיט און פעדעראלע אינוועסטירונג אין CCAP פארזיכערט דורך גאווארנער האקול אין די פיסקאלע יאר 2025 אקטיווע בודזשעט. CCAP דעקט איבער 90% פון מארקעט ראטע טשיילד קעיר קאסטן פאר מער בארעכטיגע פאמיליעס, און מערסטע פאמיליעס פון פיר צאלן נישט מער ווי $15 א וואך פאר טשיילד קעיר.

די גאווערנער האט שוין פריער געארבעט מיט די לעגיסלאטור איבערצוארבעטן די טשיילד קעיר סיסטעם און מאכן, היסטארישע, געוואלדיגע אינוועסטמענטס, אריינגערעכנט א פיר-יאר, 7 ביליאן דאלער צוזאג צו פארבעסערן די טשיילד קעיר הילפס פראגראם, אויסברייטערן אינקאם בארעכטיגונג פאר טשיילד קעיר הילף צו איבער האלב פון יונגע קינדער אין ניו יארק, העכערן שטאטישע צוריקבאצאלונג ראטעס פאר פראוויידערס אויסצוברייטערן די נומער פון פראגראמען פון וועלכע פאמיליעס קענען אויסוועלן, אינוועסטירן 50 מיליאן דאלער אוועקצושטעלן א טשיילד קעיר קאפיטאל פראגראם, אינוועסטירן 343 מיליאן דאלער צו סטאבילעזירן פראגראמען וואס זענען אין געפאר זיך צו פארמאכן און שטיצן די טשיילד קעיר ארבעטספארס, און אינוועסטירן 15.6 מיליאן דאלער אויסצוברייטערן טשיילד קעיר צו אלע SUNY און CUNY קאמפוסעס.

**אקטינג שטייער קאמישאנער אמאנדע הילער האט געזאגט,** "צוגעגעבענע באצאלונגען אונטער די טשיילד קרעדיט פראגראם איז אן אויפגעוויזענע וועג איבערצוגעבן שטארק-געדארפט פינאנציעלע בארואיגונג פאר נידריג-אינקאם פאמיליעס. מיר וועלן ווייטער ארויסגעבן די באצאלונגען די קומענדיגע וואך און עס האבן פארענדיגט ביז סוף חודש - אין צייט פאר צוריק-צו-שולע קאסטן און אנדערע באדערפענישן."

**אפיס פאר צייטווייליגע און דיסאביליטי הילפס קאמישענער בארבארע ס. גווין האט געזאגט,** "גאווערנער האקול האט געמאכט א באשלוס צו אדרעסירן ארעמקייט, אריינגעבן חיות צו פאמיליעס און פארשטערקערן עקענאמישע סעקיוריטי פאר שטאטישע איינוואוינער. די עמפייער סטעיט טשיילד קרעדיט איז יסודות'דיגע טייל פון די באמיאונגען. די קרעדיט לייגט געלט אין די הענט פון די וואס דארפן עס די מערסטע און געבט א שטארק-געדארפטע פינאנציעלע שטופ פאר פאמיליעס מיט קינדער וואס פרובירן נאכצוקומען די הויכע קאסטן פון לעבן."

**OCFS קאמישאנער דאמיע האריס-מעדען האט געזאגט,** "גאווערנער האקול'ס אנטשלאסנקייט צו פארשטערקערן ניו יארק פאמיליעס דערקענט זיך. צו ס'איז יעצט געבן פאר בערך 100,000 נידריגע-אינקאם פאמיליעס צוטריט צו קוואליטעט טשיילד קעיר דורך די טשיילד קעיר הילפס פראגראם אדער אפפערן פינאנציעלע הילף צו איין מיליאן פאמיליעס דורכאויס די עמפייער סטעיט טשיילד קרעדיט, זענען די אינוועסטמענטס א קוואל פון פינאנציעלע סטאביליטיעט פאר ניו יארקער. OCFS אפלאדירט די גאווערנער און לעגיסלאטור פאר'ן שאפן א וועג צו גלייכבארעכטיגונג און זעלבסטשטענדיגקייט, וואס קומט זיך פאר אלע קינדער און פאמיליעס."

**סטעיט סעניטער בראד הוילמאן-סיגאל האט געזאגט,** בשעת די קאסט פון לעבן שטייגט ווייטער, איז קריטיש אז מיר אין די שטאטישע גאווערמענט דירעקטירן אונזערע באמיאונגען צו שטיצן נידריג- און מיטל-אינקאם ניו יארקער. די עמפייער טשיילד קרעדיט טוט פונקט דאס דורכ'ן געבן פאר איבער איין מיליאן פאמיליעס לענגאויס די שטאט די צוגעגעבענע באצאלונגען ארויסצוהעלפן מיט טשיילדקעיר. די 350 מיליאן דאלער אינוועסטמענט וועט ערמעגליכן פאמיליעס צו באקומען מערסטנס $330 פאר יעדע קינד צו העלפן פארגרינגערן די פינאנציעלע עול וואס קומט מיט אויפציען א פאמילע. און די בעסטע חלק איז מען קען האבן צוטריט צו די בענעפיטס אן זיך איינגעבן! איך אפלאדיר גאווערנער האקול, פירער סטאווערט-קוזינס, און מיינע קאלעגעס איןביידע הייזער פון די לעגיסלאטור פאר'ן לייגן אונזער געלט דארט וואו אונזער מויל איז ווען עס קומט צו שטיצן ניו יארק'ס פאמיליעס און איבערגעבן איבער 2.5 ביליאן פאר ניו יארקער אין צוגעגעבענע באצאלונגען זינט 2022.

**סטעיט סעניטער ראקסען פארסוד האט געזאגט,** "די 350 מיליאן דאלער עמפייער סטעיט טשיילד קרעדיט פראגראם וועט ארויסהעלפן איבער 1 מיליאן בארעכטיגטע ניו יארק פאמיליעס מיט די שטייגנדע קאסטן פון לעבן און אויפציען א פאמיליע אין אמעריקע. איך הייב ארויס גאווערנער האקול פאר'ן ווייטער שטיצן נידריגע און מיטעלע אינקאם פאמיליעס לענגאויס ניו יארק סטעיט."

**סטעיט סעניטער אנדרא גאונארדס האט געזאגט,** "עס איז נישט קיין סוד: פאמיליעס וואס ארבעטן אין ניו יארק פלאגן זיך אויפ'ן לעבן. ווען פאמיליעס באקומען שטייער קרעדיטס, נוצן זיי די איבריגע געלט צו לייגן עסן אויף זייער טיש, צו צאלן רענט, און צו קויפן פשוט'ע וויכטיגע זאכן ווי דייפערס און סקול סופלייס. אויב ווילן מיר אז ניו יארק זאל זיין א פלאץ וואו פאמיליעס האבן א שאנס עס צו מאכן, דארפן מיר זיי געבן די הילפסמיטלען כדי זיי זאלן נעמען די שאנס. די אויסגעברייטערטע עמפייער סטעיט טשיילד קעיר קרעדיט איז א וויכטיגע טריט פאראויס צו

שאפן א שטייער סיסטעם וואס ארבעט פאר אלע ניו יארקער, און איך בין דאנקבאר צו גאווערנער האקול פאר איר איבערגעגעבנקייט צו שטיצן די פאמיליעס וואס דארפן עס די מערסטע."

**אסעמבלימעמבער העלען וויינשטיין האט געזאגט,** "אלס א שטארקע שטיצער איינצושליסן די קריטישע שטייער קרעדיט אין די 2024-25 בודשעט, בין איך שטאלץ אז מיר העלפן ווייטער ארויס ניו יארקער וואס ארבעטן שווער דורכ'ן צוריק אריינלייגן געלט דירעקט אין זייערע טאשן, זיי ערלויבנדיג עס צו נוצן אויף די בעסטע אופן פאר זייער פאמיליע."

**אסעמבלימעמבער אנדרא העוועיסי האט געזאגט,** "די היסטארישע אינוועסטמענט אין ניו יארק'ס ארבעט קלאס איז ערמעגליכט געווארן דורך די אומאויפהערליכע באמיאונגען פון אונזער אדוואקאט שותפים וואס זענען געשטאנען מיט אונז דורכאויס יעדע טריט פונעם וועג. איך דריק אויס מיין דאנק צו מיינע קאלעגעס, סעניטער אנדרא גאונארדעס, פאר'ן אנפירן די איניציאטיוו אין די סענעט, און צו ספיקער היסטי, סענעט מערהייט פירער סטאווערט-קוזינס, גאווערנער האקול, און צו אלע מיינע קאלעגעס פאר'ן דאס מאכן א מציאות."

**אסעמבלימעמבער קימבערלי דשיען-פיער האט געזאגט,** "איך אפלאדיר גאווערנער האקול'ס אנגייענדע איבערגעגעבנקייט צו שטיצן ניו יארק'ס פאמיליעס דורך די עמפייער סטעיט טשיילד קרעדיט פראגראם. די באצאלונגען וועלן העלפן פארגרינגערן פאמיליע'ס פינאנציעלע פלאגענישן בשעת זיי פרובירן אויסצוארבעטן שטייגנדע קאסטן צוליב אינפלאציע, פון דעם טאג-טעגליכן לעבן אריינגערעכנט העכערע שפייז, קליידער, טשיילד-קעיר און האוזינג קאסטן. דורכ'ן אויסברייטערן און פארגרינגערן צוטריט צו די פראגראם, לאזן גאווערנער האקול און די סטעיט לעגיסלאטור א השפעה אויף די לעבנס פון פאמיליעס וואס ארבעטן, פארזיכערן אז אונזערע קינדער באקומען די נויטיגע צוגעגעבענע שטיצע צו בליען."

**אסעמבלימעמבער קלייד וואנעל האט געזאגט,** "דאס צייגט אויף אונזער צוזאג צו מאכן זיכער אז ניו יארק סטעיט איז אפארדעבל פאר נידריגע און מיטעלע אינקאם פאמיליעס, מיר וועלן ארבעטן שווער צו מאכן זיכער אז ניו יארק איז א פלאץ וואו ארבעט קלאס פאמיליעס קענען וואוינען, ארבעטן און וואקסן."

**אסעמבלימעמבער דעמאנד מיקס האט געזאגט,** "איך וואלט געוואלט באדאנקען גאווערנער האקול און מיינע קאלעגעס אין די לעגיסלאטור פאר זייער אנגייענדע איבערגעגעבנקייט צו אונזערע קינדער און פאמיליעס. נידריגע-און מיטל-אינקאם פאמיליעס מיט קינדער אונטער 17 יאר אלט וועלן באקומען דירעקטע פינאנציעלע הילף אין די פארעם פון א טשיילד שטייער קרעדיט וואס מען קען צוריקבאקומען פון ניו יארק סטעיט צו פארגרינגערן די שוין הויכע קאסטן פון לעבן און זיך אפגעבן מיט א קינד. עס איז אונזער אחריות אז עלטערן און אויסגעוועלטע באאמטע זאלן ווייטער געבן שטיצע און הילפסמיטלען וואס געבן צו צו די פארבעסערונג פון אונזער קאמיוניטי."

**אסעמבלימעמבער דשען לאנספארד האט געזאגט,** "טרעפן וועגן צוריקצולייגן געלט אין די טאשן פון ניו יארק פאמיליעס איז מיין העכסטע פריאריטעט. בשעת די פאנדעמיק האבן מיר געזען וויאזוי דירעקטע קעש באצאלונגען פאר הויזגעזונטער מיט קינדער האבן געהאלפן ארויסנעמען פאמיליעס פון ארעמקייט. צוליב דעם האב איך אזוי שווער געקעמפט צו העלפן פארזיכערן די העכערונג פון די קינד שטייער קרעדיט, אינאיינעם מיט צוגעגעבענע שטיצעס צו מאכן טשיילדקעיר מער אפארדעבל, העכערן די מיטל קלאס שטייער שניט און געבן דירעקטע פראפערטי שטייער צוריקבאצאלונגען פאר היים אייגנטומער. איך בין שטאלץ צו פייערן די איבערגעבונג פון די געלטער אינאיינעם מיט די גאווערנער!"

**אסעמבלימעמבער סערע קלערק האט געזאגט,** "מיר האבן שוין געזען איינמאל און נאכאמאל אז אומבאגרעניצטע קעש באצאלונגען זענען די בעסטע וועג ארויסצוהעלפן פאמיליעס. צוגעגעבענע באצאלונגען דורך די עמפייער סטעיט טשיילד קרעדיט פראגראם צו איבער 1 מיליאן פאמיליעס בשעת זיי קויפן איין קליידער, עסנווארג, און צוריק-צו-שולע ארטיקלען וועלן העלפן אויסגלייכן די שפילן פעלד פאר קינדער לענגאויס ניו יארק. איך בין שטאלץ פון וואס די לעגיסלאטור האט דערגרייכט און איך איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער האקול"ס געטריישאפט צו שטיצן אונזערע עלטערן, קעיר-געבער און פאמיליעס היינט און אינעם צוקומפט."

**אסעמבלימעמבער דזשעסיקע גאנזאלעז-ראהעז האט געזאגט,** "איך בין אזוי שטאלץ פון די ארבעט וואס מיר האבן געקענט דערגרייכן די יאר. מיר האבן שווער געקעמפט צו פארזיכערן אז ניו יארקער באקומען די שטיצע און מנוחה וואס זיי דארפן זיך בעסער אפצוגעבן מיט זייערע פאמיליעס. שעת די קאסטן פון לעבן שטייגן ווייטער, האבן מיר געמאכט יעדע באמיאונג צו פארמינערן אינסטאביליטעט. די באצאלונגען וועלן העלפן געבן שטארק געדארפטע מנוחה פאר נידריגע און מיטל-אינקאם פאמיליעס, און העלפן אדרעסירן די הונגער פאנדעמיק. איינס פון יעדע צען ניו יארקער, אריינגערעכנט נאנט צו איין אין זעקס קינדער, פלאגן זיך מיט הונגער און אין א שטאט אזוי רייך אין הילפסמיטלען אזוויי אונזערס טאר דאס נישט געשען. בשעת דאס איז א געוואלדיגע נצחון, איז נאך דא אסאך ארבעט וואס דארף געטון ווערן. איך אפלאדיר מיינע קאלעגעס פאר'ן אריבערפירן די ליגיסלאציע און איך קוק ארויס אויף מאכן מער פארשריט אויף די באמיאונגען אין די קומענדיגע ליגיסלאטיווע סעסיע."

**צפון טייכן פאמיליע פון סערוויסעס (Northern Rivers Family of Services) CEO וויליאם געטמאן האט געזאגט,** "מיר אפלאדירן גאווערנער האקול פאר איר אנגייענדע אינוועסטמענטס אין אונזערע פאמיליעס און קינדער. יעדע דאלער וואס איז געגעבן געווארן דורך די עמפייער סטעיט טשיילד שטייער קרעדיט שאפט פאזיטיווע האפענונג, צוקומפטיגע עדיוקעישן פארבעסערונגען און פארשריטן אין די סאציאלע גורמים פון געזונטהייט. די אויפגעוויזענע אינוועסטמענטס העלפן אוועקנעמען ארעמקייט און שאפן א מארגן וואס איז לעכטיג און שמייכלדיג."

**פאראייניגטע וועג פון די גרעסערע קאפיטאל ראיאן (United Way of the Greater Capital Region) פרעזידענט און CEO פיטער גאנאן האט געזאגט,** "ווען גאווערנער האקול האט אונטערגעשריבן די קינדער ארעמקייט פארמינערונג געזעץ אין דעצעמבער פון 2021, האט זי געלייגט ניו יארק אויף א היסטארישע גאלאפ גאר שטארק צו פארמינערן קינדער ארעמקייט איבער די קומענדיגע 11 יאר. די היינטיגע מעלדונג פון די גאווערנער צו געבן 350 מיליאן דאלער אין צוגעגעבענע באצאלונגען פאר איבער 1 מיליאן ניו יארק פאמיליעס דורכאויס די עמפייער סטעיט טשיילד קרעדיט איז א געוואלדיגע הילפסמיטל פאר ALICE הויזגעזונטער מיט קינדער. מיר וויסן אז פינאנציעלע שטיצע אזוויי די ארבעט! דורכאויס די פאנדעמיק, איז קינדער ארעמקייט פארמינערט געווארן מיט האלב אבער מיט די סוף פון <u>קאוויד</u>-פארבינדענע פינאנציעלע שטיצע, קומט די צוגעגעבענע באצאלונג אין אזא קריטישע צייט, אפפערנדיג שטארק-געדארפטע מנוחה פאר פאמיליעס וואס פלאגן זיך נאכצוקומען זייערע אויסגאבן. די אינציאטיוו אדרעסירט נישט נאר יעצטיגע פינאנציעלע געברויכן נאר עס האלט אויך אן די רעספעקט פון פאמיליעס, זיי ערלויבנדיג צו געבן פאר זייערע קינדער די זעלבסשעצונג און סטאביליטעט. די טריט שטרייכט אונטער באשלוס צו פארזיכערן אז יעדע פאמיליע האט די געלעגנהייט צו בליען."

**שאילער צענטער פאר אנאליזן און אדוואקאטן (Schuyler Center for Analysis and Advocacy) פרעזידענט און CEO קעיט ברעסלין האט געזאגט,** "אריינגעבן געלט אין די הענט פון פארפלאגטע פאמיליעס איז א שטארקע און שנעלע וועג צו פארמינערן סטרעס און געבן פאמיליעס וואס זיי דארפן צו קענען בליען. שאילער צענטער הייבט ארויס די גאווערנער און לעגיסלאטור פאר'ן אנערקענען די ווערד און קראפט פון די עמפייער סטעיט טשיילד קרעדיט אין אראפנידערן די אפארדעביליטי קריזיס וואס אסאך ניו יארק פאמיליעס טרעפן זיך אן מיט. איבער די לעצטע יאר, האבן מיר געשפענדעט צייט אין קאמיוניטיס - דא אין די קאפיטאל ראיאן ביז ראטשעסטער ביז צפון סט. לאווערענס קאונטי - הערנדיג פון פאמיליעס וואס גייען אריבער ארעמקייט. מיר האבן געהערט איינמאל און נאכאמאל די ווערד פון דירעקטע קעש בענעפיטן, אזוויי שטייער קרעדיטס. די סארט באצאלונגען געבן פאר עלטערן די אחריות צו נוצן הילפסמיטלען אין די וועגן וואס וועלן די בעסטע נאכקומען זייערע פאמיליע'ס געברויכן - צו ס'איז אלערגיע-פארזיכערטע עסנווארג, שין באשיצונגען פאר סאקער, שולע קליידער, אדער רענט."

**די עדיוקעישאן געטרוי-NY דירעקטאר פון שותפות'ן און פריע טשיילדהוד פאליסי ( Education Trust–NY Director of Partnerships and Early Childhood Policy) דשען או'קאנער האט געזאגט,** "די אויסברייטערונג פון די עמפייער סטעיט טשיילד קרעדיט שטרייכט אונטער א צוועקפולע טריט פאראויס צו ניו יארק'ס ציל פון פארמינערן טשיילדהוד ארעמקייט מיט 50% איבער די קומענדיגע זיבן יאר. היסטאריע צייגט אז שטייער קרעדיטס זענען אפעקטיוו - דורכאויס די פאנדעמיק, האט די פעדעראלע קרעדיט צייטווייליג ארויסגענומען 3 מיליאן קינדער פון ארעמקייט. עס איז נויטיג צו אדרעסירן די פאקט אז שווארצע, היספאניק/לאטינא, און פילע-ראסישע פאמיליעס אין ניו יארק טרעפן זיך אן מיט ארעמקייט אויף סאך העכערע ראטעס ווי ווייסע קינדער. מיר הייבן ארויס די גאווערנער'ס באמיאונגען און מיר קוקן ארויס צו ארבעטן צוזאמען מיט איר און די סטעיט לעגיסלאטור אין 2025 צו פארבעסערן ארעמקייט-פארמינערונג סטראטעגיעס, אריינגערעכנט מער שטייער קרעדיטס, אויסגעברייטערטע טשיילד קעיר, און פריע ליטעראטור פראגראמען."

**ניו יארק אימיגראציע קאאליציע (New York Immigration Coalition) דירעקטאר פון עקענאמישע גלייכקייט און פאמיליע קראפט ליזע שווארצוואלד האט געזאגט,** "אזויפיל ניו יארקער פלאגן זיך נאכצוקומען זייערע אויסגאבן, ווייל אלעס פון האוזינג ביז גראסערי פראדוקטן איז געווארן שווערער צו קענען באצאלן. די אויסברייטערונג פון די עמפייער סטעיט טשיילד קרעדיט וועט געבן פאר איבער איין מיליאן פאמיליעס אביסל מנוחה בשעת'ן אויך אינוועסטירן געלט אין אונזערע לאקאלע קאמיוניטיס. מיר הייבן ארויס גאווערנער האקול און לעגיסלאטור פאר'ן צוריקלייגן געלט אין די טאשן פון פאמיליעס עס אויסצונוצן וואו זיי דארפן עס די מערסטע, און איך קוק ארויס אויף מער אויסברייטערונגען. עס איז צייט צו בויען א מער אפארדעבל ניו יארק וואו יעדע איינוואוינער האט א גלייכע שאנס צו בליען אומאפהענגיג אין זייער אינקאם אדער אימיגראציע סטאטוס."

**די קינדער'ס אגענדע (The Children’s Agenda) CEO לארי מארקס האט געזאגט,** "אדאנק די צוגאבע צו די עמפייער סטעיט טשיילד קרעדיט, האבן גאווערנער האקול און די סטעיט לעגיסלאטור געמאכט דאס לעבן אביסל גרינגער פאר ניו יארק'ס שטארק-געדריקטע פאמיליעס אויפצוציען זייערע קינדער. אונזער דעצעמבער 2023 פאל פון 600 עלטערן אין מאנראו קאונטי האט געוויזן א שטוינענדע דרגה פון עקענאמישע סטרעס, אפילו מיט נידריגע ארבעטלאזיקייט ראטעס, א שטייגנדע סטאק מארקעט און שטארקע עקענאמישע אויפטואונגען. מיר אפלאדירן די גאווערנער און סטעיט לעגיסלאטור פאר'ן נוצן די שטאט'ס טשיילד שטייער קרעדיט אויף א ספעציעל אפעקטיוון אופן צו פארגרינגערן די עקענאמישע שוועריגקייטן, און מיר האפן אז ניו יארק וועט ווייטער בויען אויף דעם און פארבעסערן איר פאמיליע שטייער קרעדיט פאר אן אייביגע השפעה."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן